בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' פנחס | י"ב תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ה:

# באריכט:

## בקודש פנימה

פארגאנגענעם דינסטאג אווענט בעת דער רבי שליט"א איז אנגעקומען קיין וויליאמסבורג צו געגעזענען דעם ציבור אנ"ש, איז דער רבי שליט"א געווען מנחם זיין האבלים בני האדמו"ר מק'ליוולאנד ז"ל וועלכע זענען געזיצן שבעה נאך זייער מוטער ע"ה.

דערנאך איז הגאון ר' שמואל בנימין אליעזר שטערן שליט"א רב מעריב העיר בני ברק וחבר הבד"ץ שבט הלוי, געקומען צום רבי'ן שליט"א אויף א באזוך ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א הערליכער שמועס בדברי תורה והלכה אין פארשידענע סוגיות און מקצועות.

דערנאך זענען אריין אל הקודש פנימה די מחתונים האחים הגאוה"צ ר' חיים צבי מייזליש שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק, און ר' זלמן לייב מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו בבארא פארק, לקראת נישואי צאצאיהם וועלכע'ס איז נעכטן נאכט פאהרגעקומען אין בארא פארק ברוב פאר והדר ווי שפעטער באריכטעט.

---

נעכטן - מיטוואך אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב', פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שמואל לאנדא הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

---

נעכטן נאכט איז מרן רבינו שליט"א געשטאנען בראש אלפי המלוים ביי די הארץ רייסענדע לוי' אין בארא פארק פון הילד לייבי קלעצקי ע"ה וועלכער איז דעי' וואך אזוי טראגיש פארכאפט און אומגעברענגט געווארן דורך א קאלט בלוטי'גער מערדער, וועלכער איז פאהרגעקומען פארנט פון ביהמ"ד היכל התפילה. דער רבי שליט"א איז א לענגערע צייט אנוועזנד געווען ביי די הספדים, און הערשט דערנאך ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו די שמחת החתונה בחצרות קדשינו ווי ווייטער באריכטעט.

---

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי עס איז

פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' בעריש מוזיקאפף הי"ו פון קרית יואל.

אין די פארמיטאג שעה'ן זענען די תלמידי ישיבת דגל התורה פון מאנסי אריין אל הקודש פנימה ווי דער רבי שליט"א האט זיי פארהערט אין זייערע לימודים און דערנאך מאציל געווען ברכת קדשו.

דאס לעצטע געלעגנהייט פאר זמן כניסה אל הקודש פנימה ביי מרן רבינו שליט"א איידער דער רבי שליט"א פאהרט אי"ה אויף אפרוה, איז דעם קומענדיגן זונטאג נאכט בביתו נאוה קודש אויף אוהעל קט. און אי"ה דינסטאג פאהרט דער רבי שליט"א אויף ניו העמפשיר ווי דער רבי שליט"א וועט ווײלן אויף עטליכע וואכן על מי מנוחות.

## דערהויבענע שמחת בחצרות קדשינו

מיט גרויס דערהויבנקייט איז נעכטן געפראוועט געווארן די שמחת החתונה בחצרות קדשינו – שמחת נישואי ניני מרן רביה"ק זי"ע, אייניקלער פון הגה"צ גאב"ד דקהלתינו ב"פ שליט"א, קינדער פון בניו הגאוה"צ ר' חיים צבי שליט"א און ר' זלמן לייב שליט"א.

ארום 5:50 זענען די חתן, זיידע'ס און מחותנים שליט"א ערשינען צום מעמד קבלת פנים וועלכע'ס איז פאהרגעקומען אין היכל בית חי', ווי עס האט זיך שוין דאן אנגעזעהן א הערליכער ציבור משתתפים ביי די געהויבענע רביש'ע שמחה, און אזויך רבנים ואדמורי"ם שליט"א, צווישן זיי האדמו"ר מ'מונקאטש שליט"א.

ביים קבלת פנים זענען געזינגען געווארן ניגוני התעוררות, און צווישן אנדערן איז געזינגען געווארן דעם התעוררות'ידיגער ניגון "אמנם" המיוחס לבית וויזניץ, און אויך האט דער זיידער האדמו"ר מ'ספינקא פאהרגעזינגען דעם ניגון "היה עם פיפיות" המיוחס לבית ספינקא.

ארום 6:10 איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צום מעמד קבלת פנים, און דאן האט דער בדחנא דמלכה הר"ר מרדכי דוד עסטרייכער הי"ו עולה געווען על שלחן מלכים און נאכ'ן אויסרעכענען די געוואלדיגע יוחס און די געהויבענע זיידע'ס למעלה בקודש וועלכע טוען זיך געפונען ביי די שמחה, האט ער געזאגט דברי כיבושין פאר'ן חתן.

ארום 6:45 איז מען געגאנגען צום באדעקן אין די זאל פון עטרת גאלדא, ווי דער רבי שליט"א האט נאכ'ן אנטוהן דעם קיטל געבענטשט דעם חתן, און דערנאך איז מען געגאנגען צו די חופה וועלכער איז געווען אויפגעשטעלט אויפן פלאטפארמע פארנט פון ביהמ"ד הגדול.

בבחינת מכבד מגרונך האט דער משמש דקהלתינו אין בארא פארק הרה"ח ר' שמואל זאנוויל ווערצבערגער ה"ו הערליך פאהרגעזינגען די חרוזים ביי די חופה, און דערנאך אויפגערופן כ"ק מרן רבינו שליט"א דער דאפעלטער עלטער פעטער און מכבד געווען מיט סידור קידושין.

דער רבי שליט"א האט תיכף מכבד געווען דעם ספינקא'ר רבי שליט"א דער זיידע פון די כלה, וועלכער האט דאס איבערגעגעבן פאר'ן זקן החתן הרה"צ מ'וויזניץ שליט"א.

מיט עדי קידושין זענען מכובד געווארן הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו ב"פ שליט"א און הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א, אלס עדי כתובה זענען מכובד געווארן הרבני הנגיד מוה"ר משה שמואל פארקאש הי"ו, און הרבני מוה"ר וואלף פערל הי"ו פון קרית יואל.

מיט כתובה ליינען איז מכובד געווארן הגה"צ אבד"ק וויזניץ מאנסי שליט"א, מיט די ברכות ראשונות איז מכובד געווארן דער זיידער ספינקא'ר רבי שליט"א, און הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א איז מכובד געווארן מיט ברכה אחריתה.

נאך די חופה האט דער ציבור אויסגעבראכן אין א רקידה לכבוד די שמחה. אלס עדי יחוד זענען מכובד געווארן מוה"ר משה כהנא הי"ו און מוה"ר יוסף זאב וואלדמאן הי"ו פון טאראנטא – פטרון חבורת יסודי התורה בקהלתינו הק' אין בני ברק.

באלד דערנאך איז דער גאנצער ציבור אריין אין היכל ביהמ"ד הגדול ווי עס איז געווען הערליך צוגעגרייט די סעודת החתונה כיד המלך, פאר די בחורים איז באזונדער געווען צוגעגרייט דער סעודה אין חדר האוכל אין בנין הת"ת נעבן ביהמ"ד הגדול ווי באזונדערע עסקנים האבן זיך דערמיט אפגעגעבן.

דער שטאב פון געטרייע עסקנים האבן אויפגענומען דעם ציבור בכבוד הראוי, און סערווירט די סעודה מיט א געניטע סדר.

ארום 9:40 זענען די געהויבענע זיידע'ס פון חתן און כלה אריינגעקומען צו די חתונה, און עטליכע מינוט דערנאך איז דער חתן ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, און נאכ'ן טאנצן מיט די זיידע'ס איז נמשך געטטארן די פרייליכע ריקודין לשמחת חתן פאר א לענגערע שעה.

מערערע אדמורי"ם ורבנים שליט"א האבן זיך באטייליגט במשך די שמחה דוירכאויס די גאנצע צייט צווישן זיי: האדמו"ר מ'פאפא שליט"א, הגה"צ גאב"ד סערדאהעל שליט"א, האדמו"ר מ'צאנז-גריבוב שליט"א, האדמו"ר מ'פאפא ב"פ שליט"א, האדמו"ר מ'קאסוב שליט"א, האדמו"ר מקניקלשבורג שליט"א, הגה"צ ר' חיים יעקב טויבער שליט"א דומ"ץ באבוב, הגאון ר' שמואל בנימין אליעזר שטערן שליט"א רב מעריב העיר בני ברק, הרה"ג ראש ישיבת מונקאטש שליט"א, הגה"צ אבד"ק בערטש שליט"א, האדמו"ר מ'בית שמואל צבי ספינקא שליט"א, האדמו"ר מ'טשערנאביל שליט"א, בני האדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א, הגה"צ אבד"ק וואלאווע שליט"א, הגה"צ אבד"ק ליעזש שליט"א, הגה"צ אבד"ק נירבאטור שליט"א, און נאך גדולי הרבנים שליט"א.

ארום 10:55 איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו די חתונה און געטאנצן מיט'ן חתן און מחותנים, און דערנאך האט זיך דער רבי שליט"א געוואשן צו די סעודה, און נאכ'ן וואונטשן לחיים האט מען ממשיך געווען מיט די ריקודין, און ארום 11:30 האט מען זיך געגרייט צום בענטשן און מצוה טאנץ.

מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן הרב יוסף מייזליש שליט"א בן הגה"צ גאב"ד דקהלתינו ב"פ שליט"א, מיט די ברכותראשונות איז מכובד געווארן הגה"צ גאב"ד דקהלתינו מאנטריאל שליט"א, און מיט ברכה אחריתה איז מכובד געווארן האדמו"ר מ'ספינקא 18 עוו. שליט"א.

צום ערשט האט דער רבי שליט"א מכבד געווען דעם מרא דאתרא דער דאפעלטן זיידע פון חתן און כלה

הגה"צ בארא פארק'ער רב שליט"א צו די מצוה טאנץ, און נאך זיין מצוה טאנץ האט דער רבי שליט"א געטאנצן מיט גיסו הגה"צ דער בארא פארקע'ר רב שליט"א פאר א לענגערע צייט.

דערנאך האט איז מען צוגעגאנגען צו די מצוה טאנץ פון מרן רבינו שליט"א וועלכער איז אדורך אויף א גאהר געהויבענעם פארנעם.

דער בדחנא דמלכא האט ווי זיין שטייגער ארויסגעברענגט אויף א הערליכע פארנעם מלא רעיונות די הזכרות וואס מיר האבן צום רבי'ן אין אזא זמן, נאכזאכענד'ג וואס דער רבי שליט"א האט דערמאנט פארגאנגענעם יומא דהילולא כ"ו ניסן העעל"ט אז דער טאטע דער רבי ז"ל האט געהאט א ספעציעלע כוונה יעדן טאג ביים זאגן תהילים נאכן דאווענען אין די צייט וואס די תשב"ר גייען אין חדר אז אלעס זאל זיין מיט הצלחה, האט דער בדחן דערמאנט אז אצינד אין די צייט וואס די קינדער געפונען זיך אין די קעמפס ברויך מען א ספעציעלע שמירה.

בהתלהבות אש קודש האט דער רבי שליט"א אפגעראכטן די עבודת הקודש ביים מצוה טאנץ, און נאכ'ן טאנצן מיט'ן חתן און מחותנים האט דער רבי שליט"א געטאנצן מיט זיינע צוויי פלימעניק'ס דער אבי החתן שליט"א און אחיו אבי הכלה שליט"א.

נאכ'ן רבי'ן שליט"א האט מען אויסגערופן דעם זיידע'ן ספינקא רבי שליט"א וועלכער האט כמנהגו אפגעראכטן די מצוה טאנץ מיט גרויס התלהבות, דאן האט מען אויסגערופן דעם זיידע'ן פון חתן הרה"צ מ'וויזניץ שליט"א.

נאך די געהויבענע מצוה טאנץ פון די גרויסע זיידע'ס שליט"א האט דער בדחן אויפגערופן דעם אבי החתן הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק, וועלכער האט איידער זיין מצוה טאנץ מכבד געווען דודו הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א ונשיא כולל עצי חיים בבני ברק צו טאנצן לפני הכלה און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געטאנצן זיין מצוה טאנץ.

דערנאך האט מען אויפגערופן אבי הכלה הגה"צ ר' זלמן לייב שליט"א דומ"ץ בקהלתינו אין בארא פארק, וועלכער איז געגאנגען טאנצן מיט בתו הכלה תחי', און דערנאך האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכתו בקודש פאר די חתן און כלה שיחיו און פארלאזט דאס ביהמ"ד הגדול, דאן האט מען אויפגערופן חתן וכלה.

*-ומשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל-*

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**
**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**